**יוֹנָה מָצְאָה – Twitter: *@JonahMatz***

# דער גרינער אַנסאַמבל

אַחַר כָּל יָרוֹק יִדְרוֹשׁ

דער **גרינער אַנסאַמבל** איז א **"קאַווע־שטיבל עקסקלוסיוו" לכּבוד שבוּעוֹת תּשפּ"ג**. דער **גרינער אַנסאַמבל** איז געווידמעט צו שענקען אַנערקענונג פאַר זייטיגע פּערסאָנאַזשן (characters) וועלכע ווערן דערמאַנט בלויז כּלאחר־יד אינעם שפּאָגל־נייעם דריטן קאַפּיטל פון ***גרינער יֵצֶר־טוֹב***. הויפּט פּערסאָנאַזשן קריגן לענגערע, דעטאַלירטע באַשרייבונגען אין דער דערציילונג גופא — לייענט **אויסשליסליך** אין ***וועקער #20*** הבעל"ט.

---

**אברהם פּנחס ראָזנבערג**, עי.קעי.עי. **פּיני ראָזען**:

א בלו־קאַלער יונגערמאַן וועלכער טראָגט אין די ימי־המעשׂה שוואַרצע העמדער, גרויע דזשינס, און העל־ברוינע שטיוול וועלכע גרייכן ביז א טפח אַנדערהאַלבן העכערן קנעכל. די סיבה פאַרוואָס פּיני מעג זיך קליידן אין פילפאַרביגע בגדים איז דערפאַר וואָס ער אינסטאַלירט עיר־קאָנדישאָנערס — א פאַך באַשיצט אין היימישער געזעלשאַפט מיט א צוֹרך־פּרנסה טראַגע־עקזעמפּשאָן. מ'מוז שוין הײנט נישט טראָגן קיין בליי אויפן אויער, און מ'מוז שוין אויך נישט טראָגן קיין מעסטער אויף די הויזן. יעדער בעל־מלאכה וואָס ניצט א לייטער פון זעקס אַמוֹת און העכער איז עליזשיבל פאַר א סַסְגוֹנָא־פּעקעדזש בחותמו של כּהן־גדול. שוואַרצע העמדער און געלע שוכבענדלעך קומען סטאַנדאַרט מיטן דאָזיגן עקזעמפּשאָן, כאָטש וואָס די ספּעציפיקאַציעס זענען בייגעוודיג צו יעדן לצוֹרך־פּרנסתו. דאָס שוכוואַרג טרעפט זיך אָפּט צו זיין פון א wheat פאַרב — ווייציגע שטיוול לצוֹרך־פּרנסה. מַה יָּפוּ פְעָמַיִךְ בְּמַגְפֵי־חִטָּה. ס'איז אויס תּוֹרה רח"ל. א הפקר־וועלט וואו לית דין ולית דיין.

דער **צוֹרך־פּרנסה קאַרד** איז א דיסרופּטער שוין מתּמוֹל שלשוֹם, אַן אַלטער טראָבל־מעיקער פון וועמען יראים ושלמים ליידן זיך צוזאַם אויף טריט און שריט. דער מוזיקאַנט מעג אַריינפּייפן מיט זיינע אינסטרומענטן אויף דער גאַנצער ספירה, דריי וואָכן, און י"ב חוֹדש — צוֹרך־פּרנסה. קאָמפּיוטער, אינטערנעט, מיידלעך אין אָפּיס, סמאַרטפאָן, טריפּס צו די מרחקים, אַריינקניידלען די באָרד, אַרומקריכן אין מאַנהעטן, ציצית אונטערן העמד,

דאַווענען אויפן באָס, תּרח'ס מנין, לייגן תּפילין ביי דער שקיעה, שעכטן בהמות אין יעהופּעץ — צורך־פּרנסה. דער צורך־פּרנסה צו רעכטפאַרטיגע אידן איז וואָס דער סעקאָנד־אַמענדמענט איז פאַר יעדן נאָרמאַלן אַמעריקאַנער: א ביין אין האַלדז. די הימלען ווײנען טאַקע, אָבער ... צורך־פּרנסה. מ'קען גאָרנישט טון אויסער אַריינבלאָזן אינעם ווינט "טאָטס ענד פּרעיערס" יעדע וואָך אויפסניי.

טראַגע־עקזעמפּשאָנס קומען אָבער פּאָרט מיט באַגרעניצונגען. יאָ, דער בעל־מלאכה מעג טאַקע אַרומקריכן מיט ווייציגע שטיוול פון *טימבערלאַנד*, דער אָפּיס־אינגערמאַן מעג אַרומשמייען מיט נעצליכע סניקער פון *סקעטשערס*, און דער קילער אינגערמאַן מעג אין א זומערדיגן פרייטאָג אַרומשפּרייזן די גאַסן מיט טו־טאָן *נייקיס*, ספּעציעל אַזוי אויב קומט ער פון זשים. ווער רעדט אפילו פונעם הפקרות וואָס הערשט אום תּשעה־בּאָב: די כָּל־צָרְכֵּי טאָלערירט אַלע פאַרבן און שאַטירונגען. קראָקס, פּאַפּאָטשן, און סניקער — קיינער גיט נישט קיין דעקל בין תּכלת ללבן ובין ארגמן לכּרתי. אָבער ... אַריינמאַרשירן צו לְכָה־דוֹדִי מיט א פּאָר עלעגאַנטע מאַהאָגאַני שיך פון *ברונעלאָו קוטשינעלי*? קענסט חלומ'ען. אפילו בלויז אַרומצושפּאַצירן דערמיט ביי זיך אין בעדרום טראָגט א מאַנדאַטאָרי־מינימום פון זיבן יאָר גיהנום.

פּוק חזי ווען מ'קען אַלץ טרעפן אין בית־מדרש ביי דער מערב־וואַנט. דער שניידט זיך די באָרד, א צווייטער שפּריצט זיך מיט פּאַרפום, א דריטער פאַרמאָגט סאַמעט אויפן קראָגן פון א קורצער בּעקיטשע דורכגעוועבט מיט זילבערנע פעדים, א פערטער האָט א בדידי־הווה־עובדא צו יעדן עַל־חֵטְא באַזונדער, און א פינפטער קלאַפּט זיך שוין נישט עַל־חֵטְא בכלל. מ'טרעפט אין בית־מדרש פויערן, באָמעס, און שקצים פון אַלע סאָרטן — נאָר נישט קיין ברוינע שיך. א פּאָר ברוינע שיך גייט שוין נישט קיין שטריימל. ניטאַמאָל א משהו ברוין ווייניגער ווי א כּזית אַריינגעמישט אינערהאַלב פאַרצייטישע שוואַרצע לוּחוֹת־שיך — זילטש.

דער טראַגע־עקזעמפּשאָן, ווי איר זעט, גילט בלויז אויף סניקער, פּאַפּאָטשן, קראָקס, און אַרבעט־שטיוול. דער כּלל איז קלאָר: פּאָרמעל = אסור. אויב ס'איז אומפּאָרמעל דאַן קען מען טרעפן היתּרים. אַמאָל מער, אַמאָל ווייניגער. די זעלבע איז מיט אַנדערע טראַגע־עקזעמפּשאָנס לאו דווקא שוכוואַרג. א פּילפּאַרביג טישורט פון *אַמאַזאָן־עסענשאַלס*, א שטייגער, איז קיינמאָל נישט אַזוי האַרב ווי א געביגלט כּתונת־תּשבּץ פון *בורבערי* אפילו חצי־וויס. זעלטן וואָס מ'קען טרעפן א טראַגע־עקזעמפּשאָן אויף פּאָרמעלער קליידונג. א יוֹצא מן הכּלל איז דער מוזיקאַנט ... !duh ... וואָס מעג זיך אָנטון א שניפּסל כּל זמן ס'געהערט צום אוניפאָרם פונעם אָרקעסטער — לצורך־פּרנסה.

**באַליבסטע פראַזע:** פיינע פלוכעס.

**מערסט־באַניצטע פראַזע:** דער זכר טריפט אויף שווערער סחוֹרה.

**אשר אנשיל יאַקאָבאָוויטש**, עי.קעי.עי. **אָשי דזשעי**:

א ביר־בויך און שיינע נאָז. אינדערפרי איז ער משחד ר' שייעלע'ן מיט טשיז־דעלקעלעך, און אויפדערנאַכט איז ער משחד דעם בת־עין מיט טרי־באָן פלאַנקען. א הון תּועפות שפּענדט ער אָפּ ביי זיינע אויפרייסעריש שׂמחות, אָבער ער קלאָגט אויפן גזר־דין פון א ניו־יאָרקער רעגירונג וואָס מאַנדאַטירט א מינימום אַרבעטער־אָפּצאָל פון פופצן דאָלער פּער שעה. ער קליידט זיך אין א גרוי דריי־א־פּערטל רעקל, און כאָטש וואָס די העמדער זיינע זענען ווייסע, פאַרמאָגן זיי אַלע פענצי דיזיינס, געקנעפּלט פון לינקס־אויף־רעכטס, אָפּט דאָבל־קרעסטעט, און לעצטנס האָט ער זיך אפילו מתּיר געווען צו פאַרמאַכן די מאַנקעטן מיט זילבערנע שפּאָנקעס (cufflinks). שבת טראָגט ער א וואָלענעם טלית־קטן איבערן העמד, נאָר מיט ווייסע שטרייפן אַנשטאָט שוואַרצע, און אָנגעהאָנגען ביים עק מיט א שורה פּאָם־פּאָמס. ער זשעלט זיך די פּאות אין די הויכע בינה־יאָרן מיטן סאַמע זעלבן אייפער און אַפּעטיט ווי צוריק ביים נעמען אויף זיך דעם עול התּורה והמצוות — בְּכָל יוֹם יִהְיוּ בְּעֵינֶיךָ חֲדָשִׁים.

אָשי קרעדיט זיין אָנגעבליכן סוקסעס אַביסל צו ר' שייעלע'ן, אָבער אויך צו סעלף־העלפּ מאָטיוואַציע־ביכער. גאָרנישט אין ווערטערבוך איז אים אַזוי באַליבט ווי דער טערמין "סוקסעס," און גאָרנישט אויסער כבוד און געלט קען און מעג ביי אים דעפינירט ווערן אַלס סוקסעס. מצידו זאָל די *ניו־יאָרק טיימס* אויפדעקן יעדן איינציגן מיסברויך אינערהאַלב דער היימישער געזעלשאַפט, כּל זמן דער לייענער קען דערפון דרינגען אַז מ'רעדט פון א געמיינדע וואָס נישט בלויז איז סוקסעספול, נאָר ס'שווינדלען גופא איז גאָר א ראיה אויפן סוקסעס און גאָר א חלק פונעם סוקסעס.

אָשי האָט אַן אויפגעקלערטן חבר, א לוזער, א שוטה נעבעך, וואָס איז געגאַנגען אין אוניווערסיטעט שטודירן פאַרשידענע תּחומים אין וויסנשאַפט. אָשי ווייסט אַז פונעם געניאַלן טראָמפּ'ן וויל פלוני נישט הערן — יענער ליידט דאָך געפערליך פון *טראָמפּ־דעראַנזשמענט־סינדראָם* — ממילא האַלט ער זיך צוריק פון רעקאָמענדירן צו לייענען *אַרט אָף דע דיעל*. ער וויל דאָך אָבער אַז זיין חבר זאָל זיין סוקסעספול, דרייט ער יענעם די ביצים צו לייענען כלערליי ביכער אינעם *סוקסעס־מאָטיוואַציע־אינספּיראַציע* זשאַנער. נאָר אַלע ביכער ביי אָשי'ן אין שאַנק פאַרמאָגן בערך דעם זעלבן נאָמען: *פינף־און־צוואָנציג וועגן וויאַזוי זיך צו מאַכן א שבע־ברכות אויף א קרוז אָן בכלל וויסן וויאַזוי מ'חתמ'ט דעם אייגענעם נאָמען.*

נישט אַז אָשי איז א גרויסער לייענער — העק, נישט אַז אָשי איז אפילו א קליינער לייענער. ער, ווי טראָמפּ זעלבסט, האָט אויך נישט געלייענט *אַרט אָף דע דיעל*. אין פאַקט, דאָס לעצטע מאָל וואָס אָשי האָט בכלל עפּעס געלייענט איז געווען אומגעפער אַכט יאָר צוריק. געלייענט האָט ער דאַן אין א היימישער אויסגאַבע א גאָר שפּאַנענדיגע פאָרזעצונג איבער א טאָפּלטן שפּיאָן, דזשעק בי סנייפּער דזשוניאָר, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט א בלעק־האַוק העליקאָפּטער פון איראַק, עלף מייל דרום־מזרח פון באַגדאַד, אונטער דער קאָמאַנדע פון א

ספּעציעלער עיר־פּאָרס איינהייט, אין א גאָר געוואַגטער מיסיע פֿאַררעכנט צווישן די מערסט "סוקסעספֿול" מיליטערישע אָפּעראַציעס אין דער מאָדערנער היסטאָריע. דזשעק בי סנייפּער דזשוניאָר, אָדער "דאָגלעס" ווי מ'פֿלעגט אים רופֿן אין ישיבה, איז אָפּגעקומען בלויז מיטן זיך צעברעכן ס'לינקע קנעכל און פֿיר ריבס. ער שילדערט שטענדיק די ניסים וואָס האָט מיט אים פּאַסירט אין יענעם גורל'דיקן חמשה־עשׂר־בּאָב, וויפֿיל האָר געווי ס'האָט אים געפֿעלט צו א זיכערן טויט, און וויאַזוי ער איז געראַטעוועט געוואָרן ממש אין לעצטער מינוט א דאַנק א ראַדיאָ־סיגנאַל פֿון א ביפּער, און שטאַמענדיג פֿון אידן, אויך א דאַנק זכות־אבות.

**באַליבסטע פֿראַזע:** אַז דו ווייערסט מיך יעצט צוויי־דריי מאות [$10^5$], דאַרף איך נישט וואַרטן ביז די חברה דאָרט קלערן מיר דעם טשעק.

**מערסט־באַניצטע פֿראַזע:** מינינג טו סעי ...

---

**זאַנוול גוטמאַן**, עי.קעי.עי. **דאָקטאָר גוטמאַן**:

א היימישער פֿעלדשער און וויטאַמין־גורו, באַהאַוונט אין נאַטירליכע הייל־מיטלען ווי דער טאָמלער דיין איז מיט אידישע צרות. זאַנוול איז א גרויסער מתנגד צו מאָדערנער מעדיצין און וואַקסינען. די אַקאַדעמישע קרעדענציאַלן זיינע קומען גראָד פֿונעם הייסן מקווה־בור, אַזוי אויך פֿון אַזויפֿיל ווי פֿיר באַזונדערע *קול־מבשׂר* אָפּטיילונגען.

דער עם־נבון פֿלאָשט אַראָפּ ביי זאַנוול'ן א מאַיאָנטיק אויף כלערליי שפּייז־סופּלעמענטן, אימון־בוסטערס, און דעטאָקס־רעזשימען. אַזוי אויך קויפֿט מען דאָרט אָרגאַנישע זכר־בונדלעך, ביאָדינאַמיק ראָזשינקעס, ברוינע אייער, קעפֿיר פּראָביאָטיק, עלעקטראָליט וואַסער, ציגן־מילך, זויער־טייג ברויט, הכנות טרייבער, שילשל שטאָפּער, עצירות סופּאָזיטאָרי, העמאָרידן זאַלבן, פֿונגוס שמירעכץ, וואָרצל פּוידער, קרעץ בוימל, אויער טראָפּן, נאָז שפּריצער, האַנט קרעם, און א זאַק קרייטעכצער מיט באַדייטנדיגע קאָנצענטראַציעס פֿון חֶלְבְּנָה און קנאָבל — רֹקַח מִרְקַחַת מַעֲשֵׂה זאַנוול. אַלע פּראָדוקטן זיינע זענען פֿריי פֿון גענעטישע מאָדיפֿיצירונגען, אַנטיביאָטיק, סינטעטישע אַמינאָ־אַסיד, פּאַסטעריזירונג, פּערטיליזאַטאָרן, און פּעסטיצידן למיניהם.

זאַנוול'ס אַפּטייק שפּרודלט ביי זיך אין קעלער פֿון הייזקע וואו ער קליידט זיך אין א פּראָפֿעסיאָנעל בלאַס כאַלאַט. ער רעכט אָפּ די אַרבעט צו דער שיין פֿון א לעמפּל וואָס ציטערט אַרויס פֿון נידריגן סופֿיט באַהאָנגען מיט שפּינגעוועב. ראָזליכע אינסולעשאָן־קישקעס וועלכע קראַצן מענטשן־הויט קוקן אַרויס פֿון חצי־פֿאַרענדיגטע ווענט־לייסטלעך. די משופּע'דיגע ערד איז איבערגעפּלאַסטערט מיט א קאַלטן צעמענט אויף וועלכן ס'וואַלגערט זיך א מהפּכה פֿון ביזנעסוואַרג, אָנגעשטויסן מיט קעסטלעך פּסח־געשיר פֿאַרקניפּט אין בלויע גאַרבעדזש־בעגס, א פֿאַרוויקלעניש פֿון נוי־סוכּה, פֿאַרפֿוילטע סוכּה־ברעטער מיט שטאַרציגע נעגל, פֿאַרהויקערטע מאַטראַצן מיט זשאַווערדיגע גריבעלעך, און איבערן זומער ליגט דאָרט פֿאַרפֿאַקט אויף די קוטשמע וועלכע ער טראָגט דורכאויס דעם ווינטער.

זאַנוול לאַכט אין די פויסטן פון קלימאַט־טויש — א פאָלנע מיסטיפיקאַציע מתּחילה ועד סוף. פּאָרט אָבער איז ער מודה אַז מיט יאָרן צוריק פלעגט ער דאַרפן אַרויסציען די קוטשמע פון קעלער שוין צו סליחות. היינט ווידער קען נעמען ביז נאָך ותן־טל־ומטר און אפילו דעמאָלט איז די גאַנצע קוטשמע א בדיעבד. זיין קוטשמע הודאה איז סימפּטאָמאַטיש אויף א טיפערער דילעמע אַרום קלימאַט־טויש וואָס פלאָגט אנ"ש מחמישים ולמעלה. מצד אחד קען דאָך נישט זיין אַז די וויסנשאַפטלער און ליבעראַלן ווייסן וואָס זיי רעדן … מאידך גיסא, אַן אומדירעקטע קאָנסעקווענץ פון אָננעמען דאָ להד"ם איז אַז דער גלאָררייכער "בימים־ההם" צעפאַלט פאַר די אויגן. דען ווי קענען זיי זיך שמעלצן אין דער זיסער רעטראָספּעקציע פון א סיבירישער קרירה וואָס זיי האָבן נעבעך געדאַרפט סובל זיין "בימים־ההם," אומבאַגרייפליכע ביטערע פרעסטן און גוזמאות פון שניי וואָס זיי האָבן קוים מיט דער אייזיגער נשמה אין האַנט איבערגעלעבט צוריק אין א וועלט וואָס איז שוין נישטאָ היינט … "גיי זיי מסביר פאַר דער היינטיגער יונגט, קוים ווייסן זיי וויאַזוי איין פוס שניי קוקט אויס … דרייסיג דעגריס פאַרנהייט און ס'איז שוין אויס וועלט פאַר די שוואַכע גופים געמאַכט פון פאַפּיר ... " איך יתקיימו שניהם? וויאַזוי לייקנט מען אין קלימאַט־טויש אָן דאַרפן ריזיקירן דעם זיסן באַיומימהוהיימיזם?

איין מהלך צו לעזן די פּראָבלעם איז מודה זיין אַז אין דאָזיגן איינעם פאַל זענען די וויסנשאַפטלער יאָ גערעכט. אפילו א צעבראָכענער זייגער, זאָגט דאָך די וועלט, איז גערעכט צוויי מאָל א טאָג. נאָר אַזאַ מהלך קומט נישט באַטראַכט בשום אין פנים אופן — רעדסט מיר שוין אינגאַנצן ווי אַנויפגעקלערטער. אַן אַנדער מהלך איז מודה זיין במקצת: קלימאַט־טויש איז עכט, נאָר דער אָנגעבליכער "אַנטראָפּאָזשעניק עפעקט" איז הוילער בלאָף. שמעקט נישט היימיש. איינמאָל מ'הייבט אָן נאָכצוגעבן ווערט די גאַנצע מעשׂה א סליפּערי־סלאָופּ און צום סוף פאַלט מען אַריין אין זייער נעץ. דער בעסטער מהלך איז ווייטער אָפּלייקענען אין קלימאַט־טויש, און ווייטער זיך באָדן אין דער פּראָסטיגער נאָסטאַלגיע — סתּירה? קוש אין תּחת. זינט ווען שרעקט זיך יהדות־החרדית פון סתּירות? מ'האָמיר זיך אויסגעדאָסט שוין אויף פיל גרעסערע סתּירות, און נישט בלויז האָמיר זיי איבערגעלעבט, נאָר מ'זעמיר נאָך אַרויסגעקומען סך שטערקער.

מערקט אָן: זאַנוול איז טאַקע נישט קיין הויפּט פּערסאָנאַזש, אָבער צוליב זיין הויכן פּראָפיל קריגט ער אין דערציילונג מער דעקונג. אין פאַקט, די ערשטע צוויי זאַנוול־פּאַראַגראַפן דאָ איז מיט מינערוויכטיגע שינוים א ק/פּ פון דערציילונג.

**באַליבסטע פראַזע:** די חברה ווייסן דאָך נישט בחייכון וואָס זיי רעדן.

**מערסט־באַניצטע פראַזע:** כ'קען דיך נישט זאָגן קיין נעמען, אָבער כ'זאָג דיך צו אַז די האָר פון קאָפּ וועלן זיך דיר אויפשטעלן פון וואָס כ'גיי דיך יעצט דערציילן.

**יואל דוב עקשטיין**, עי.קעי.עי. **בעריש הכּהן**:

ער פֿאָלגט וואָס מ'הייסט, חתמ'ט וואו מ'הייסט, צאָלט וויפֿיל מ'הייסט, און שטימט פֿאַר וועמען מ'הייסט. נאָר ביים פֿאָרן צו ר' שייעלע'ן וואַרפֿט ער אַראָפּ פֿון זיך דעם יאָך פֿון געזעלשאַפֿטליכן קאָנפֿאָרמיזם און דערזעצט דעם ביבער־הוט מיט א בעל־עגלה דאַשיק. שוין אַזוי פֿרי ווי אין לופֿטפֿעלד אויפֿן וועג אַהין פֿאַרפֿאַקט ער דעם הוט מיט א האַסטיגן אימפּעט — אַמאָל אפֿילו מיט מחשבות־זרות. פֿאַרוואָס שלעפּט ער אפֿילו מיט דעם הוט? כ'ווייס נישט. אָבער אַזויפֿיל ווייס איך אַז דער דאַשיק מאַכט אים לייכטער אויפֿן האַרץ.

בסוד סודות אידענטיפֿיצירט זיך יואל דוב אַלס מעמבער אינעם *טענק־יו השם קאָמיוניטי* — קיינער וואָלט נישט גע'חלומ'ט — אָבער ער ציטערט דערוויִיל אַרויסצוקומען פֿון קלאָזעט. ער וואוינט אין וויליאַמסבורג און רעדט פֿון זיך מופֿן קיין מאָנסי אַזוי אָפֿט ווי *זשי־ענד־זשי* מאַכט אַן איינמאָליגן היסטאָרישן מאַגאַ סעיל. שוין לפּחות די לעצטע צוויי שמיטות הערט מען יעדן טאָג די זעלבע אויסגעדראָשענע מעשׂה. ער איז מיט א צייט צוריק געגאַנגען "קוקן הייזער" אין מאָנסי, און ער האָט שוין דעמאָלט אַריינגעטשעקט אויך אין עירמאָנט "סתם פֿאַר אינטערעסאַנקייט." ער בלייבט אָבער אין וויליאַמסבורג. אַמאָל איז עס ס'ווייב, אַמאָל די דזשאַב, אַמאָל די מוסדות, אַמאָל סעקשאָן־עיט, אַמאָל די אַלערגיעס, אַמאָל דער גראָסערי נעקסט־דאָר, אַמאָל זיין טאַטע, אַמאָל די שוויגער, און הײנט האַלט מען שוין ביי א מאַנגל אין דירות אין מאָנסי. לעצטנס טריפֿט ער אויף לעיקוואָד, אָבער ווי געזאָגט, ער בלייבט ערגעצוואו צווישן לי־גאַרדענס און בעדפֿאָרד־גאַרדענס.

יואל דוב איז א זולל וסובא בטעם של פּעם, א פֿרעסער גיכער אין קוואַנטיטעט ווי איידער אין קוואַליטעט. האַלטן האַלט ער זיך אַלס א גרויסער פֿאַרשטייער צו אכילה, אַלס עמיצער וואָס זיצט ביים שפּיץ פֿונעם פֿרעס־פּיראַמיד, כאָטש וואָס די קולינאַרישע באַגריפֿן זיינע זענען ניינציג־פּראָצענט באַגרעניצט צו זיין מאַמע'ס מילך. "פֿאַרפֿאַלן!" מערקט ער אָן צו יעדער געלעגנהייט: "זאָג וואָס דו ווילסט איבער די אונגאַרישער, אָבער קיינער אין דער וועלט טויג נישט אַזוי גוט ווי זיי צו ריכטיגער גוסטאָ־סחורה."

די גאַנצע אַלטערנאַטיווע עסן־וועלט עקזיסטירט ביי יואל דוב'ן אין פֿאַלאַפֿל־שוואַרמאַ ביי די איזראַעליס, *מאַנאַשעוויץ* מצה־ווין און *קדם* געפֿילטע־פֿיש ביי די אַמעריקאַנער אידן, און א נעבעכדיג טשולענט מיט אויסגעטריקנטער קישקע ביי די ליטוואַקעס. אויך האָט ער א יעקישער עלטער־מומע ביי וועמען די באַרכעס זענען נישט ראָפּאָגאָש. פֿרייטאָג־צונאַכטס ציט מען דאָרט אַרויס פֿון א פּלאַסטיק־בעג ווייכע חלות מיט האַרטע אייער־פּלעקן. די יעניגע חלות שרומפּן איין אונטערן מעסער און לאָזן נישט פֿון זיך קיין ברעקלעך. סאַמאָן־פֿיש איז דאָרט נישטאָ. מ'עסט וויִיט־פֿיש. פֿלייש קומט גראָד פֿון זופּ־טאָפּ אַרויס. פֿערפֿל אויפֿגעבלאָזן. לאָקשן־קוגל בלאַס. קאַרטאָפֿל־קוגל קלעבעדיג. קישקע געל־גרין. וויין אָדער מאָסט איז נישטאָ אפֿילו פֿון וואָס צו רעדן — מ'קידוש'ט אויף "גאָלד" גרעיפּ־דזשוס.

אין קאָנטרי, ביי א סיום־מסכת אין די ניין־טעג, לאָזט מען יואל דוב'ן צו צום גריל. ער שטייט דאָרט געבויגן מיטן קערעסטירער בעל־עגלה דאַשיק אויפֿן קאָפּ. ער קלאַפּט אַרום מיט די מִזְלָגוֹת, מִזְרָקוֹת, און קְשָׂוֹת. ער שפּריצט

אויל, שיט פעפער, פליפּט אַרום די זבחים, רעדט פון באַשעפער, און רייבט זיך אַריין אין שמוציגן טלית־קטן וואָס ער שמייסט אַרויף אויף הינטערוויילעכץ — א קינצליך מאָוו וואָס זיין טאַטע'ס דור האָט שוין דערפונדן צום קטנ'ען. אידן רחמנים בני רחמנים קאָמפּלימענטירן אים דאָס עסן. די גרופּע צורבא־מרבנן איז פּאָרט נאָך אונטערן רושם פון א מנין פּפּא־ברידער וועלכע זענען געקומען זיך באַטייליגן צו דער גרויסער שׂמחה של מצווה. ווי האָט נאָר יענער נאָרוואָס אַרויסגעמרוקעט? אָנוּ עֲמֵלִים וְהֵם עֲמֵלִים. שוין, מילא די פליגלער, וואורשטלער, און בורגערס … דער הרג'ט דאָך אָבער אָפּ אויך די דיקע, זאַפּטיגע קאַבויס.

צוריק אין וויליאַמסבורג אויף פרישטאָג: א סענדוויטש מיט א שטיקל טאָמאַטאַ איז יואל דוב'ן קיינמאָל נישט גענוג. ער באַפעלט דעם יעניגן פון אַנדערער זייט גלאָז אַריינצויאָגן אינעם שטאָקיגן כּורך אַלץ וואָס ער קען נאָר זען אָדער טראַכטן — די גלעזער ווערן אים פּאַרהויכט באַלד ביים ערשטן ביס. ער צע'מזיק'ט דעם סענדוויטש ווי דער הידראָליק מאַשין אין אחור פון גאַרבעזש־טראָק צעקוועטשט אַן איבערפלוס פון שבת־הגדול זעק. דער קאָמפּאַקטאָר פרעסט און הייבט זיך איינמאָל און נאָכאַמאָל. פיקלס קראַכן, מאַטבוכאַ שפריצט, געפרעגלטע ציבעלע קריכט אָפּ אויף דער פריי, און כלערליי דרעסינגס גיסן זיך ביי די זוימען. ער פרעסט, כראָמטשעט, שטופּט אַריין שטאַרציגע שטיקער מיט די פינגער, און רויבט אַרויס פונעם נעפּקין־דיספּענצער א גאַנצן באַרג פּאַפּיר צו באַהאַנדלען ס'חזיריי. נאָר אויב קיינער באַמערקט נישט דאַן גייט ער האַרדקאָר במרפּקו — אַז דער עלנבויגן איז גוט פאַר דער רינענדיגער נאָז, דאַן איז ער גוט אויך פאַרן שמאַלציגן פּיסק.

יואל דוב, צו זיין קרעדיט, קויפט נישט אַריין אינעם פוסטן קניידל־הייפּ פון אחרון־של־פּסח. אפשר מחמת וואָס ער איז סוף־כּל־סוף פּאָרט פונעם אינגערן דור.

**באַליבסטע פראַזע:** ברוך השם ס'איז שבת.

**מערסט־באַניצטע פראַזע:** האַלאָ, ס'גייט דאָרט זיין ערנסט צו בריקעווען.

---

**יחזקאל זושא הכהן כ"ץ**, עי.קעי.עי. **הרב ר' יחזקאל זושא**:

א איד וואָס פירט זיך צו עסן אייער אויך אינדרויסן פון די שולחן־עורך גרעניצן. אוכל כּל חמש, ושורף בתחילת שש. ער טראָגט א ריפּסן רעקל מיט שיפע טאַשן, נאָר ביים עסן טוט ער זיך אָן א בעקיטשע, און ביים בויען די סוכּה, אין א תּענית, ביים מאַכן היימישע מאָסט, און ווען ער פאָרט צו קברי צדיקים קליידט ער זיך אין א ישיבה־כאַלאַטל. מאַנכע שפּעקולירן אַז אויב וואָלט טראָגן שטריימל־בעקיטשע ערב־פּסח נישט געווען קיין דאורייתא, וואָלט יחזקאל זושא זיך געקליידט אין ישיבה־כאַלאַטל אויך ביים אָפּוועלגערן זיינע ערב־פּסח מַצות. א סימן מובהק ווען ס'איז א דאורייתא צו גיין בגדי־שבת מחצות ולמעלה: בימים שאין אומרים בהם מזמור לתודה.

יחזקאל זושא איז פון די גרעסטע סגולה־עקספּערימענטירער איבער דער וועלט. ער האָט זיך שוין דערוואָרבן א גלענציגע רעפּוטאַציע אַלס עמיצער וואָס האַלט וואָרט: אויב ווערט ער געהאָלפן, דאַן איז ער באַלד מפרסם אָן קיין צעגערייען. דער באָלק פון סגולות איז ער מפרסם מיט איין־שורה'דיגע אַנאָנסן אין די טעגליכע ליפלעטן ווי *דבר־יום־ביומו* וכדו'. דאָרט טוט ער בלויז דעם מינימום. ער דערמאַנט דעם נאָמען פון סגולה און מעלדט אַז ער איז געהאָלפן געוואָרן. קיינער ווייסט נישט געוויסט גענוי וואָס, ווען, וואו, און וויאַזוי. ניטאָמאָל איז קלאָר צי ס'האַנדלט זיך פון א פערציג־טאָגיגער פּראָצעדור. אַלץ וואָס מ'ווייסט איז אַז אויף איין זייט פונעם עקוועשאָן געפינט זיך, א שטייגער, **ר' מתיא בן חרש**, און אויף דער אַנדערער זייט געפינט זיך א **ונושעתי**.

יחזקאל זושא קען זיך אָבער נישט דערלויבן גרויסע קלאַסיפיידס אויף א טעגליכן באַזיס. ער איז פּאָרט אויף א בודזשעט. ס'איז דערוויל נאָכנישט פאַראַן קיין אָרגאַניזאַציע וואָס פינאַנצירט פירסום פאַר טירט־פּאַרטי, זעלבשטענדיגע סגולה־קאָנטראַקטאָרן. אָבער מער היי־פּראָפיל סגולות, ספּעציעל אַזוי ווען עפּעס שליסט איין א חלום, שיקט יחזקאל זושא יאָ אַריין עטליכע מאָל א יאָר צו גרעסערע אויסגאַבעס און צייטונגען. דאָרט קומט שוין די סגולה באַגלייט מיט א לאַנגער דראַמאַטישער אָפּהאַנדלונג, נוסח טאָמל.

**באַליבסטע פראַזע:** דער רבוש"ע דאַרף נישט מיינע עצות.

**מערסט־באַניצטע פראַזע:** אידן זענען דאָרט אָפענע זאַכן.

---

**מאיר אליקים גאַנדל**, ע״. קע״. ע״. **מיסטער גאַנדיזל**:

אַן אָלד־סקול פרומער עם־הארץ מיט פאַררויכערטע וואָנצן. זיין אַמעראַצעס, לויט באַריכטן, האָט שוין עטליכע מאָל אָנגעמאַכט א רוֹשם אין הימל. אָפיציעל דרייט ער זיך אַרויף די פּאוֹת איבער די אויערן, נאָר אַמאָל נאָכן אַראָפּנעמען ביים איינטערטען שמוֹנה־עשׂרה בלייבן זיי שוין הענגען אַזוי ביז מאָרגן. די גראָבע שלייקעס טראָגט ער כּדי אָנצוהאַלטן די שווערע הויזן, נאָר באַזונדער טראָגט ער אויך א גראָבן פּאַסיק פשוט כּדי צו האָבן אויף וואָס אַרויפצוקלעבן דאָס צווענגל, פלעשלייט, און פּאַק שליסלען. מאַנכע זענען אים חושד אין טראָגן א ברוינעם פּאַסיק; דער אמת איז אָבער אַז דער שוואַרצער פּאַסיק איז פשוט אַלט און אָפּגעריבן. די הויזן הייבן זיך אים אָן תּיכף אונטערן האַרץ, נוסח קאָנגרעסמאַן דזשערי נאַדלער. די הויזן איז פיל ברייטער פון שטייפן פּאַסיק, וואָס באַדייט אַז די גאַטקעס באַווייזן זיך אַרויסצושטעקן ביים קנעפּל טראָץ דעם וואָס ער פאַרשליסט געוועגליך דעם זיפּער. ער טראָגט נישט קיין ר"ת, אָבער אויך נישט קיין פילפאַרביגס. א גרויסע מיסטעריע איז זיין אָנטון די שיך נאָך פאַרן אָנטון די הויזן. א גרעסערע מיסטעריע איז דער פאַקט אַז די הויזן ווערן אים נישט צעפליקט פון די שיך.

מאיר אליקים קומט שטענדיג צו שיעורים און גייט שטענדיג צו אסיפות. ער האָט זיך זיין מנין, זיין שטענדער, און זיין מאָס וויפיל קאָצקע־צוקער ער נעמט פאַר א קאַווע געוואָנדן אין וועלכער אשמורה פון טאָג. ער רעדט אייביג פון א צוק. גאָרנישט צעווילדעוועט אים אַזוי ווי אַן אָפענער פענצטער וועו דער עיר־קאָנדישאָנער אַרבעט.

**טראַגע־עקזעמפשאָן אַלערט:** מאיר אליקים טראָגט א טונקל־בלוי העמד לצורך פרנסה. וואָס איז זיין תירוץ? גאַנץ איינפאַך: ער איז דער אייגנטימער פון א גראָסערי. די עסן־אינדוסטריע געניסט שוין מאָז ומתמיד פון א היתר צו טראָגן דווקא טונקל־בלויע העמדער. למעשה, אַזוינע געשעפטן ווי *טיוו־טאָוו, מאַרסי־טייערס*, און א האַנדפול אַנדערע ריטעיל געשעפטן אינדרויסן פון דער אַכילה־אינדוסטריע פאַרמאָגן אויך דעם זעלבן פאַרצייטישן טראַגע־עקזעמפשאָן (טיוו־טאָוו דאַכט זיך אויך אויף העל־בלוי העמדער), עפעס וואָס מ'גיט שוין נישט אַרויס היינט אַזוי גרינג.

**באַליבסטע פראַזע:** כ'קאָל נישט קיינעם. איך מאַך מיך עס אַליין און פאַרטיג.

**מערסט־באַניצטע פראַזע:** רוף אַריין צו מיר אין אָפיס און רעד צו מיין סעקרעטערי.

### **נתן נטע פאָללאַק**, עי.קע.עי. **"פון וואַנעט נעמסטו דעם היתר?"**

א סיקריק מיט א זון־דערבאַקענעם ביבער־הוט און א שוואַרץ רעקל אָנגעשפרענקלט מיט קאָפּ־שופּן. א גרויסער טעות איז דאָס וואָס מענטשן באַצייכענען זיין באָרד אַלס א קמץ־בערדל. ערשטנס, מ'רעדט דאָ קלאָר פון א באָרד און נישט קיין בערדל. צווייטנס, מ'רעדט נישט פון קיין געוועגליכן קמץ, נאָר דווקא א חטף־קמץ — צוויי אַנדערע וועלטן. דער חלק הקמץ איז שטייף, קאָנצענטרירט אין צענטער, און שפּיצט זיך אַרויס אין דער לופטן ווען ער בייזערט זיך. דער חטף־אָפּצווייג, מאידך גיסא, קריכט אַרויס פון באַק און אָפּעריִרט ווי א זעלבשטענדיגע באָרד פאַר זיך: דינער, ווייכער, הענגט אַראָפּ צו דער זייט, און לאָזט זיך גיכער פירן פונעם ווינט. מאָרפאָלאָגן פאַרדעכטיגן נתן נטע'ס אָנגעבליכן חטף אין אָריגינעל זיין אַזש א שׁוּרוּק באַהאָפטן צום קמץ ווי איידער א שווא, דערפאַר וואָס ער איז היפּש לענגער פון א דורכשניטליכן שווא, און אזוי אויך בייגט ער זיך אויף אַרויס מיט אַרום צוואָנציג דעגריס — ביז אַזש ניינציג דעגריס ווען ווינטיג.

**באַליבסטע פראַזע:** כ'וויל עס נישט ביי מיר אין שטוב.

**מערסט־באַניצטער מאָנאָלאָג:** שעמסט דיך אפילו נישט? יאָ יאָ, כ'האָב דיך שוין געזאָגט איינמאָל און כ'וועל דיך זאָגן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל ביז אפשר, אולי ואולי, אפשר וועט עס אַביסל אַריינגיין אין דיין טריפה'נעם קאָפּ: דו זיי ווייטער אַן איבער־חכם, דו טו ווייטער וויאַזוי דיין קרומער קאָפּ פאַרשטייט, דו טו ווייטער אָפּ כל דבר אסור. נאָר

קום נישט דערנאָך ווײַנען צו מיר ווען דער באַשעפער גיט דיך א קליין קיצל, ווען דער בורא כּל עולמים האָט שוין געהאַט גענוג פון דײַנע שייגעץ־שטיק, און גיט דיך אַזאַ קליין דערמאַנעלע אַז יש מנהיג לבירה, אַז זײַן וועלט איז נישט הפקר פאַר דיר מיט דײַן כּת פון בני־בליעל דאָרט אָפּצוטון די גרעסטע טינופֿות און שקאָצערייַ מבוקר ועד והערב. און דו ביסטאָך נאָך נישט צופרידן. דו מוזט נאָך מוסיף זײַן חטא על פשע. דו לויפסט דאָך אַרום אין די גאַסן אויסשרייַען וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי. ס'דיר נישט גענוג אַז דו אַליין טינקסטיך אין די נ' שערי טומאה, ס'דיר נישט גענוג אַז דו האָסט פאַרקויפט דײַן אייגענע נשמה צום שׂטן, נאָר דו מוזט זײַן א מחטיא אויך, האַ? דו קענסט נעבעך נישט אַנדערש. דו מוזט מיטשלעפּן מיט דיר אין שאול־תּחתּית אַריין יעדן וועמען דו קענסט נאָר, אָפּ'שמד'ן וויפיל אומשולדיגע אידישע נשמות ס'געלונגט נאָר פאַר דײַנע פאַרדאָרבענע תּאוות און גראָבן יצר־הרע. כ'מיין וואָס נאָך ווילסטו, האַ? זאָג מיך פּינקטליך וואָס נאָך דו ווילסט, אַז ס'זאָל זײַן נאָך זײַן חוטא נשׂכּר אויך? איז דאָס וואָס דו ווילסט? אפשר א גאָלדענעם מעדאַל? א קוש אין שטערן? ווען פּלאַנסטו זיך אויפצואוועקן, האַ? וואָס איז דײַן פּלאַן? אויף וואָס וואַרטסטו? זאָג מיך אויף וואָס נאָך דו וואַרטסט. וויפיל נאָך דערמאַנונגען דאַרפסטו מ'זאָל דיך שיקן פון אויבן? ווען, ביי וועלכן פּונקט, גייסטו זיך אָפּשטעלן און זאָגן גענוג, עד כּאן, כ'אַנערקען און גלייב אַז אית דין ואית דײַן, האַ? ווען? זאָג דו מיך ווען. שוטה איינער!

---

**שמעון עוזר ווײַנשטאָק**, עי. קעי. עי. **ר' שמעון עוזר**:

א שטאָפּענער־הוט און בלוי־רעקל איד מיט א האָר־אויסשפּראָץ אויפן פּיטום פון נאָז. ער איז א באַלבאַטישער איד וואָס זעט זיך גופא ווי א הייבריד פון בן־תּורה און בעל־הבית. ער האַלט אפילו נישט פאַר קיין סוד די אומצופרידנקייט זײַנע פונעם אופן וויאַזוי מ'לערנט דעם שיעור־עיון אין חסידישע ישיבות. ער פאַרקניפּט זיך א גאַרטל איבער די לענדן נישט בלויז צום דאַוונען, נאָר אויך צו אַזוינע אינטערעסאַנטע מאורעות ווי ביים שלאָגן כּפּרות, שעפּן מים־שלנו, בדיקת־חמץ, חמשה־עשׂר בשבט, חומש־סעודה, סיום מסכת, רעדן צום דײַן, און צו דער ראש־חודש סעודה וואָס ער איז מקפּיד צו פּראַווען חק ולא יעבור. ראש־חודש איז אים א וויכטיגער יומא־דפגרא געגנוי ווי א' סליחות, פּסח־שני, ל"ג בעומר, הכנסת ספר־תּורה, רבי'שע חתונה, פּורים־קטן, תּקופת־תּמוז, און שבת־נחמו.

נישט בלויז געדענקט שמעון עוזר צו לערנען משניות און צינדן ליכט יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אויף א יאָרצייט פון אַן אַנדער זיידן אָדער באַבען, נאָר ווי איר שטעלט זיך שוין מסתם אַליין פאָר, געדענקט ער אויך אַרויסצושיקן דערוועגן א טוץ נאָטיפיקאַציעס צו משפּחה־מיטגלידער. די שבת'דיגע סעודה רעכט ער אָפּ מיט דער מאַקסימאַלער מאָס קאָנפאָרמיזם. ער טשעקט ערליך אַריין יעדעס הלכה־למשה־מסיני'דיג קעסטל: מייערן אויפן געפילטע־פיש, בעבלעך צו דער זופּ, פערפל־קוגל־לעבער־צימעס צום פלייש, לעבער־גאַלע־פּעצע צו דער אייער־ציבעלע, זויער־פּיקל צום טשולענט, פּלאַסטיק־לעפל צום קאָמפּאָט, אא"וו. אפילו ווען ער פאָרט אויף קברי־צדיקים און ווײַלט

שבת אין אַניפּוֹלי, א שטייגער, פאַרלירט ער דאָס גלייכגעוויכט אויב שטעלט זיך אַרויס אַז די פערפל זענען אים נעלם געוואָרן ערגעצוואו צווישן קאָסוב און קיטוב. דער גאַנצער שבת, וואָך, חודש, און יאָר איז אים צעשטערט אָן פערפל אויף שבת.

שבועות טומלט ער מיט לחץ. ער קאָאָרדינירט די מילכיגע און פליישיגע סעודות ווי טראַפיק ביים האָלאַנד־טונעל. דאָס איבערהיפּן סיי וועלכע סעודה אָדער עסנוואַרג קומט דאָך נישט אין באַטראַכט — ער דאַרף דאָך אַריינטשעקן קעסטלעך. אָבער די לעצטע זאַך וואָס ער דאַרף איז א רייע בשׂר־וחלב קאָמפּליקאַציעס, עסן א סעודה אויף א פולן מאָגן, אָדער פאַרפּאַסן זיין מנין אַלס רעזולטאַט. כאַאָס, אַלזאָ, מוז זיין די דעפּאָלט־אָפּציע דאָ. פּונקט אַזוי האָט ער נישט קיין מנוחה אום שמיני־עצרת ביים זיך געזעגענען פון סוכּה. ווען רעדט אפילו ווען א יום־טוב שטויסט זיך צונויף מיט א שבת — ער וואָלונטירט צו נאַוויגירן דעם כּלל דורכאויס דעם פּראָצעס פריי פון אָפּצאָל.

דאָס לאָזן זיך אָנהערן מיט צייטליכע דערמאַנונגען איבער עירוב־תּבשילין און אויסליידיגן די קעשענס איז דאָך א פּשיטא. נאָר ער פאַרמאָגט א ווילדן אימפּולס צו קאָנטראָלירן אויך דעם ליטורגישן פאַרקער. ווען צו טוישן דעם נוסח פון שבת צו יום־טוב אָדער פאַרקערט, ווען צו צענזורירן דעם קַבָּלַת־שַׁבָּת, ווען אַריינצושמעלצן א בְּאַהֲבָה צווישן יום־טוב'דיגע שורות, און ווען אַרויסצושניידן דעם מוֹדֶה־אֲנִי פון זמירות; וואָס מ'לייענט, וועלכע הפטורה מ'זאָגט, און וואו מ'טוישט די יוצרות; רְצֵה, יַעֲלֶה־וְיָבוֹא, צעטיילן סעודות, מנחה, שאַלעשידעס, טשולענט, יקנה"ז, און כאַפּן מקוואות. נישט אַז ס'רוב עולם קען נישט אָן זיין הילף. אפילו דער וואָס פאַרשטייט נישט קיין פּירוש־המילות ווייסט אַז "מדלגים" אין סידור באַדייט "שאָרט־קאָט." נישט אַז דער בלינדער געדענקט נישט פון פאַראַיאָר. נישט אפילו אַז שמעון עוזר איז בעל־תפילה און פאַרמאָגט ס'רעדל אין האַנט. אפילו ס'אייגן ווייב זיינס גיט זיך אַן עצה מיטן יאָ צי נישט זאָגן שֶׁהֶחֱיָנוּ ביים ליכט־צינדן אָן זיין הילף, און אפילו די אינגלעך זיינע ווייסן אָן זיין הילף ווען מ'דאַוונט וועלכע שמונה־עשׂרה, און וויפיל פָּרִים געגנוי מ'איז מקריב וועלכן טאָג סוכּות.

שמעון עוזר שאַרט זיך צו נאָך יעדער דרשה מיט א זאַק פראַגעס און הגהות צום בעל־דרשן. מאַכט נישט קיין חילוק ווער דער בעל־דרשן, וועלכע דרשה, און וואָספאַראַ שאַלות — שמעון עוזר האָט שטענדיג א דראַנג אויסצוקלאָרן קלאָרקייטן. אין יעדן שמועס וואַרפט ער אַריין וואָס עפּעס א דיין האָט אים אַמאָל געזאָגט. ער האָט שוין מער ווייניגער אָנגעפרעגט פון אַלע היימישע דיינים אַלע היימישע שאלות. ער איז גענוג תּלמיד־חכם צו וויסן שטענדיג ווער ס'אסר'ט וואָס, וואו יענער איז געשטאַנען, און אין וועלכן טאָג ס'איז געווען. ער איז אָבער קיינמאָל נישט גענוג תּלמיד־חכם צו וויסן פאַרוואָס יענער אסר'ט. אַנשטאָט שטופּט ער דיך אַריין אין נאָז זיין כּשר'ן טעלעפאָן באַקלעפּט מיט אויער־וואַקס: "כ'זאָג דיך, קאָל אים יעצט אָן און פרעג אים. ער וועט דיך פּינקטליך מסביר זיין פאַרוואָס ..."

פון בעל־דרשן אין בית־מדרש גייט שמעון עוזר גראָד צום זינגער אין חתונה־זאַל, און מיט א הייסן אָטעם זאָגט ער אַריין וויכטיגע אינפאָרמאַציע אין אויער, אינמיטן א ניגון. שמעון עוזר'ס מוזיק־קרעדענציאַלן זענען גאָרנישט

אַוועקצומאַכן. ער איז גאָר טויגליך אַריינצופלעכטן א שַבָּת־קוֹדֶש אין סיי וועלכן ניגון, ספּעציעל אַזוי ניגונים וועלכע קומען אָריגינעל אָן קיין ליריקס. ער איז אויך דער ערשטער צו וויסן ווען א סקולענער ניגון קריגט א נייעם פּאַל.

מיינט נאָר נישט אַז שמעון עוֹזר פאַרמאָגט נישט אויך א געשמאַקע זייט צו זיך. נישט בלויז וואַגט ער זיך אַריינצוכאַפּן ביים צווייטן טאַנץ אינעם בחורים־רינג, נאָר ער איז גאָר דער וואָס פאַרשיקט די קליינע אינגלעך וועלכע כאַפּן זיך דאָרט אויך אַריין. ער פּראָבירט דערמיט צו דעמאָנסטרירן אַז ער קען זיך וואויל אַדאַפּטירן צום טעמפּאָ און גייסט פון יוגנט. ס'הייסט דאָך אַז ער "פאַרשטייט צו בחורים." ער ווייסט וואו איין און וואו אויס — ער האָט קֹהֶלֶת אויף ספּיד־דייל.

רעדנדיג פון שמעוֹן עוֹזר'ן און געטענץ ... ווען ער מאַכט חתונה טעראָריזירט ער יעדן חבר וואָס קומט מזל־טוֹב'ן מיטן טרויעריג־באַרימטן טענצל: "לאָמיר כאַפּן א טענצל, כ'מוז האָבן מיט דיר א טענצל, קודם א טענצל, כ'מיין אַז כ'האָב מיט דיר נאָכנישט געהאַט קיין טענצל, כ'קען נישט אָן קיין טענצל, גיימיר נישט דאָ אַוועק אָן קיין טענצל, איך לאָז דיך נישט אַוועקגיין פון דאָ אָן קיין טענצל, וואָס טוטציך מיט א טענצל? כ'האָב שוין געהאַט מיט דיר א טענצל? געהאַט האָב איך שוין מיט דיר א טענצל? א טענצל האָב איך שוין געהאַט מיט דיר?"

**באַליבסטע פראַזע:** ס'קומט זיך מיר א מזל־טוֹב.

**מערסט־באַניצטע פראַזע:** כ'האָב מוֹרא אַז זאַכן דאָ הייבן אָן אַרויסצופאָרן פון קאָנטראָל.